ב"ה

# פרשת אחרי-קדושים

## בס"ד. משיחת י"א ניסן תשמ"ב

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

דער ענין פון ספירת-העומר באשטייט אז ער ציילט טעג. ניט ער ציילט מעשׂים, ניט ער ציילט דיבורים, ניט ער ציילט מחשבות – ער ציילט טעג! ס'איז איין טאג, דערנאך איז דורכגעגאנגען נאך פיר-און-צוואנציג שעה – ציילט ער און זאגט אז ס'איז שוין צווי טעג, און דערנאך דורכגעגאנגען נאך פיר-און-צוואנציג שעה – ציילט ער און זאגט אז דאס איז "שלשה ימים".

וואס לכאורה, אין ענין יוצא מידי פשוטו: בשעת ער איז מכוון פירוש המילות, איז נאך איידער ער קומט אז דאס איז "לעומר" – אין וואס באשטייט די מצוה – באשטייט די מצוה אויף ציילן טעג!

וואס דאס איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: מ'באטראכט זיך אין וואס באשטייט די זאך פון ציילן, בפשטות, איז דאס איז – צו באווארענען ער זאל ניט פארלירן, מ'זאל ביי אים ניט קענען צונעמען, און ער זאל וויסן וואו ער האלט, כדי ער זאל קענען עפעס אויפטאן דערפאר.

די איין און איינציקע זאך, לכאורה, אין וועלט, וואס א מענטש האט אויף דערויף קיין שליטה ניט, ניט מ'קען דאס ביי אים צונעמען, ניט ער קען דאס פארלירן, און ניט ביי אים קען צונעמען – איז דאס די זאך פון זמן.

בשעת עס גייט דורך א רגע און א מעת-לעת איז ער אינגאנצן קיין בעל-הבית ניט; צי דער מעת-לעת וועט דורכגיין צי ניט דורכגיין – הענגט ניט אפ אן אים!

עולם כמנהגו נוהג, און דער אויבערשטער האט איינגעשטעלט אז "לא ישבותו"[1], האט דער אויבערשטער איינגעשטעלט אז עס גייט א רגע נאך א רגע, ניט מער און ניט ווייניקער, ניטא קיין צווי רגעים בבת-אחת, און ניטא אז א רגע זאל גיין פארלארן, ווארום תורת אמת זאגט אז דאס איז "לא ישבותו".

פרעגט א "חכם ונבון" א שאלה: וואס קומט צו פון ציילן?! ניט ער קען דאס פארלירן, ניט אימעצער קען דאס ביי אים צונעמען, ניט ער קען אין דערויף מוסיף זיין,

**אף-על-פי-כן זאגט תורה אז ס'איז א מצוה, און א איד איז אין דערויף מחוייב, אויף ציילן טעג!**



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת אחרי-קדושים

וואס דער ביאור בזה איז, אז די טעג האבן אין זיך א תכלית, וואס דא איז דער תכלית "לעומר", דערמאנען זיך אז מ'האט געבראכט א מנחת עומר מיט אלע פרטים שבדבר, און אויב ער ציילט ניט דעם טאג "לעומר" – פארלירט ער דעם טאג !

וואס דערפון איז א מוסר השכל און א מוסר נפלא און א מוסר הכי הכרחי, אז בשעת א איד קוקט אויפן זייגער און דאס גיט אים ניט א טרייסל, אז עס גייט דורך א רגע וואס ער קוקט אויפן זייגער און טוט גארניט – איז דאס ניט דער פשט אז ער האט געקענט טאן א מצוה און ער האט ניט געטאן – דאס האט ער פארלארן אט דעם רגע !

מ'האט אים געגעבן דעם רגע – לעמל יולד[2] – ער זאל דורכפירן דעם אויבערשטנ'ס שליחות, דורך דערויף וואס ער וועט מאכן פון דעם רגע אז דער רגע וועט ווערן א זאך א לעבעדיקע, א זאך וואס האט אין זיך אן אינהאלט, פארבונדן מיט דעם וואס האט באשאפן זמן.

ווי תורת המגיד, ווי געבראכט און מדובר אז דא איז אויך א יסוד ומובן פון תורה בכמה מקומות – אז פונקט ווי אלע נבראים האט דער אויבערשטער באשאפן זמן,

און דער אויבערשטער לא ברא הקדוש-ברוך-הוא דבר אחד בעולמו לבטלה[3], איז בשעת דער אויבערשטער באשאפט דעם רגע, וואס ס'איז דאך "המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית"[4], ווי תורת הבעל-שם-טוב אין שער היחוד והאמונה בארוכה אז יעדער רגע ווערט באשאפן פון-דאס-ניי גאנץ מעשׂה בראשית, אויך די עצם מציאות הזמן,

האט דער אויבערשטער געמאכט יעדער מענטשן, ובפרט א אידן, פאר א שליח, ער זאל ציילן די טעג, אז יעדער טאג זאל זיין פארבונדן מיט א מעשׂה טוב –

אין דעם ענין, אין דעם זמן, פארבונדן מיט "לעומר", אין כללות הזמן – פארבונדן מיט "אדם לעמל יולד"[2],

און בשעת ער זאגט אז עס שטייט אין ספרי מוסר אז "אדם דואג על איבוד דמיו ואינו דואג על איבוד ימיו"[5] – איז דאס ניט דער פשט אז מ'זאגט דאס כדי מ'זאל וויסן אז אזוי דארף זיין חס-ושלום – מ'זאגט


© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

דאס מיט א מחאה הכי תקיפה, היתכן?! אז מה דאך אז מ׳דאגה׳ט על איבוד דמיו איז על-אחת-כמה-וכמה אז עס דארף זיין די דאגה על איבוד ימיו!

די טענה אז ער האט גארניט ניט פארלארן איז קיין טענה ניט – ער האט פארלארן א טאג פון זיין לעבן, וואס דאס האט געקענט זיין א יום שלם, "בא בימים"[6],

ווי עס שטייט בא דעם ערשטן אידן, "ואברהם זקן בא בימים"[6] טייטשט ער אפ אין זהר אז אברהם איז געקומען מיט אלע זיינע טעג, יעדער טאג האט ער געהאט וואס צו באווייזן, אז דאס איז געווען א טאג וואס ס׳איז ניכר אז דאס איז "אברהם העברי׳ס" א טאג!

—— • ——

1) פ׳ נח פרק ח׳, פסוק כב.

2) ס׳ איוב פרק ה׳, פסוק ז׳.

3) מס׳ שבת דף עז, ע״ב.

4) נוסח ברכות ק״ש.

5) ראה ספר החיים (לאחי המהר״ל) יו״ד, ע״א.

6) פ׳ חיי שרה פרק כד, פסוק א׳.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.